**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט 260 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו בויען און פרעזערווירן מער פון 1,800 היימער אריבער ניו יארק**

***פינאנצירונג וועט שטיצן נאענט צו 30 פראיעקטן אריבער די סטעיט צו באשיצן און אויסברייטערן אפאָרדעבעל האוזינג מארקעט, צושטעלן שטיצנדע סערוויסעס און ארויסהעלפן לאקאלע דעוועלאפמענט איניציאטיוון***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס אגענדע צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס דורכן פארגרעסערן די האוזינג מארקעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז איבער 260 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן דורך טעקס קרעדיטס און סאָבסידיס צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 1,852 אפאָרדעבעל, שטיצנדע און ענווייראמענט-פריינטליכע היימער אין 29 דעוועלאפמענטס אריבער ניו יארק סטעיט. די פראיעקטן וועלן אויסברייטערן אדער באשיצן די האוזינג מארקעט אין יעדער ראיאן, אויפרעכטן און מאדערניזירן פובליק האוזינג, פאראויס רוקן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוון און אריינרעכענען ענווייראמענט-פריינטליכקייט אייגנשאפטן וועלכע שטופן פאראויס די סטעיט'ס קלימאט ציהלן. די פינאנצירונג בויט אויף ארויף אויף גאווערנער האקול'ס ארומנעמיגע אגענדע צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און רעדוצירן האוזינג קאסטן פאר ניו יארקער דורכן פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט.

"די איינציגסטע וועג צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און אראפברענגען קאסטן פאר פאמיליעס איז צו האלטן אין איין בויען און פרעזערווירן היימער אין יעדן ראיאן פון אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די פינאנצירונג שטופן מיר פאראויס אונזער אגענדע צו אויפעפענען ניו יארק'ס האוזינג פאטענציאל, און מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן פון די נאענט מיט די לעגיסלאטור צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע, סטאבילע און אפאָרדעבעל היימער."

די פינאנצירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

פינאנצירונג ווערט צוגעטיילט דורך די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) וואס האט צוגעשטעלט 56 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט לאָו-אינקאָם האוזינג טעקס קרעדיטס און 204 מיליאן דאלאר אין סאָבסידיס. צוזאמען מיט נאך פריוואטע געלטער און מיטלען זענען די פראיעקטן וועלכע באקומען פון די פינאנצירונג ערווארטעט צו אויפטרייבן איבער 840 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען סך הכל.

אלע פראיעקטן קומען נאך די HCR'ס ענווייראמענטאלע סטאנדארטן וועלכע שטופן פאר א געזונטערע סביבה צו וואוינען און וועלכע שטיצן די ציהלן אוועקגעשטעלט דורך דעם ניו יארק סטעיט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act). די מערהייט פון די פראיעקטן וועלכע האבן באקומען גרענטס וועלן אויסנוצן א סך הכל פון 11 מיליאן דאלאר פון די 'ריינע ענערגיע אינציאטיוו' (Clean Energy Initiative, CEI), א שותפות מיט די HCR און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) צו עררייכן זאגאר העכערע שטאפלען פון ענווייראמענט-פריינטליכקייט און קארבאן רעדוקציע.

אין צוגאב, אפפערן די דעוועלאפּמענטס אומזיסטע אינטערנעט סערוויסעס פאר איינוואוינער, ארויפבויענדיג אויף די גאווערנער'ס ConnectAll אינציאטיוו וואס האט געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען צו ברענגען שנעלע אינטערנעט צו קאמיוניטיס וועלכע האבן נישט געהאט גענוג סערוויס, עלימינירנדיג די דיגיטאלע אומגלייכקייטן פאר ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 260 מיליאן דאלאר וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז טייל פון אונזער 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן, און עס וועט פירן צו אפאָרדעבעל, שטיצנדע, ענערגיע-שפארזאמע היימער וואס וועלן פארבעסערן די לעבנס פון מער פון 1,800 מענטשן, פאמיליעס און שוואכערע ניו יארקער, בשעת'ן פארשטערקערן קאמיוניטיס אין יעדן ראיאן פון די סטעיט. ניו יארק'ס היסטארישע האוזינג מאנגל האט געמאכט דאס טרעפן היימער פון א הויכע קוואליטעט ווי די אין לעבהאפטיגע קאמיוניטיס שווערער פון סיי ווען בעפאר. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויפן מארקעט, צו אויסברייטערן צוטריט צו וועזנטליכע סערוויסעס ווי העלט קעיר און טשיילד קעיר און צו שטיצן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען אריבער ניו יארק. מיר קוקן ארויס צו זעהן די 29 דעוועלאפּמענטס קומענדיג צום לעבן."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "גערעכטע צוטריט צו ריינע, שטאנדהאפטיגע פלעצער פון א הויכע קוואליטעט וואו איינוואוינער וואוינען, ארבעטן און פארברענגען איז פונדאמענטאל צו געזונטע און שטאנדהאפטיגע קאמיוניטיס — און די היינטיגע אנאנס שפיגלט אפ די צוקונפט פון ניו יארק סטעיט. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, ווערט די סטעיט אויפגעלעבט דורך ארומנעמיגע בויאונג סטראטעגיעס וואס נעמען אריין ריינע-ענערגיע בשעת'ן רעדוצירן שעדליכע קארבאן עמיסיעס צו היטן אויף אונזער סביבה און נאטורליכע קוועלער פאר פילע קומענדיגע דורות."

פראיעקטן רעכענען אריין:

**<u>קאפיטאל ראיאן</u>**
**10.6 מיליאן דאלאר פאר די Cold Spring אין טענערסוויל, גרין קאונטי.** א געוועזענע האטעל ווערט אראפגעווארפן ווערן און ערזעצט ווערן מיט א האוזינג דעוועלאפּמענט מיט 56 יוּניטס פאר מענטשן פון די ארבעטסקראפט, אריינרעכענענדיג 15 יוּניטס פון האוזינג פאר עלטערע מענטשן דעוועלאפּט דורך RUPCO. דער פראיעקט וועט באקומען $420,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן זיך צו פארשאפן Passive House סערטיפיקאציע.

**6.6 מיליאן דאלאר פאר South Street Apartments אין גלענס פאָלס, ווארען קאונטי.** די דעוועלאפּמענט מיט 70 יוּניטס פאר מענטשן מיט אויסגעמישטע איינקונפט שטאפלען וועט אריינרעכענען 11 יוּניטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. די דעוועלאפּמענט רעכנט אויך אריין א קאמיוניטי סערוויסעס איינריכטונג וואס וועט גענוצט ווערן דורך SUNY עדיראָנדעק צו אפפערן קאריערע טרענירונג און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג געלעגנהייטן. די דעוועלאפּער איז Spring City

Development Group. דער פראיעקט וועט באקומען $385,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**9.4 מיליאן דאלאר פאר The Haven at Latham אין קאלאני, אלבאני קאונטי.** די דעוועלאפמענט מיט 65 יוניטס פאר מענטשן מיט אויסגעמישטע איינקונפט שטאפלען וועט האבן 10 אפארטמענטס מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס פאר וועטעראנען מיט דיסאביליטיס. די דעוועלאפער איז Dakota Partners. דער פראיעקט וועט באקומען $357,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן זיך צו פארשאפן Passive House סערטיפיקאציע.

**8.7 מיליאן דאלאר פאר Colvin Avenue Apartments אין די סיטי אָוו אלבאני.** די דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע באנוצן מיט 63 יוניטס וועט אפפערן 11 אפארטמענטס צו באדינען מענטשן וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט און אזוי אויך פלאץ פאר ביזנעס. די דעוועלאפער איז Regan Development Corp. דער פראיעקט וועט באקומען $346,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**5.4 מיליאן דאלאר פאר Clinton Square Studios אין די סיטי אָוו אלבאני.** די דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע באנוצן מיט 57 יוניטס רעכנט אריין פלאץ פאר אויסשטעלונגען פון קונסטלער און אזוי אויך צייטווייליגע הייזער פאר די אקטיארן פון די Capital Repertory Theatre. די דעוועלאפער איז Equity Residential Development, LLC. דער פראיעקט וועט באקומען $427,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן זיך צו פארשאפן Passive House סערטיפיקאציע.

<u>**צענטראל ניו יארק**</u>

**7.8 מיליאן דאלאר פאר Olympia Terrace אין אויבורן, קאַיוּגע קאונטי.** דער פראיעקט וועט איבערבויען 50 יוניטס פון פובליק האוזינג אויפגעהאלטן דורך די אויבורן האוזינג אויטאריטעט אריבער 13 געביידעס, בשותפות מיט D Development Group3. דער פראיעקט וועט באקומען $1,250,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן צו אריבערפירן גאנצע געביידעס צו נוצן עלעקטריציטעט און פאר באזונדערע צודעק און ווענטילאציע ציהלן.

**11.5 מיליאן דאלאר פאר Eastwood Heights אין די סיטי אָוו סירעקיוּס.** אן עקזיסטירנדע האוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן וואס איז אויפגעהאלטן דורך די סירעקיוּס האוזינג אויטאריטעט וועט פרעזערווירט און אויסגעברייטערט ווערן פון 49 צו 53 יוניטס, בשותפות מיט ראטשעסטער'ס Cornerstone Group. דער פראיעקט וועט באקומען $662,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן צו אריבערפירן די גאנצע געביידע צו עלעקטריציטעט.

<u>**פינגער לעיקס**</u>

**8.4 מיליאן דאלאר פאר Beechwood Family Apartments אין די סיטי אָוו ראטשעסטער.** דער פראיעקט וועט בויען 54 נייע היימער אריבער 21 געביידעס אויף ליידיגע שטחים, אויסגעשפרייט איבער ראטשעסטער'ס ביטשוואוד געגנט. צוועלף אפארטמענטס וועלן אוועקגעלייגט ווערן אלס שטיצנדע האוזינג פאר פאמיליעס וואס נויטיגן זיך אין סערוויסעס. די דעוועלאפער איז Home Leasing, LLC.. דער פראיעקט וועט באקומען $297,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**2.6 מיליאן דאלאר פאר Creekview Apartments II אין קענענדעיגווע, אָנטאַריאו קאונטי.** די דעוועלאפמענט וועט באשטיין פון 72 אפארטמענטס אין ניין צוויי-שטאקיגע געביידעס, אריינרעכענענדיג אכט אפארטמענטס וואס זענען אוועקגעלייגט פאר מענטשן מיט פיזישע דיסאביליטיס. Creekview Apartments איז א דעוועלאפמענט וואס האט געוואונען NYSERDA'ס 'אויסגעצייכנטע געביידעס'

(Buildings of Excellence) טיטל, און עס וועט נאכקומען Passive House סטאנדארטן דורכן אריינלייגן אויפן-ארטיגע סאלאר עלעקטרישע און 'דזשיאָו-טערמעל' (היץ פון די ערד) הייצונג סיסטעמען. די דעוועלאפער איז Baldwin Real Estate Development.

**12.8 מיליאן דאלאר פאר True North Apartments אין די סיטי אָוו ראטשעסטער.** די דעוועלאפּמענט וועט באשטיין פון צוויי וואוינונגען לאקאציעס מיט א סך הכל פון 70 אפּארטמענטס, אריינרעכענענדיג 35 שטיצנדע יוּניטס פאר כראניש היימלאזע הויזגעזינדער און עלטערע מענטשן, און אן אוטפּעישענט וואוילזיין קליניק מיט סערוויסעס צו באקומען פאר די גאנצע קאמיוניטי. די דעוועלאפּער איז DePaul Properties, Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $385,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**9 מיליאן דאלאר פאר Churchview Commons אין די סיטי אָוו ראטשעסטער.** די דעוועלאפּמענט פון 45 יוּניטס וועט אריינרעכענען 24 אפּארטמענטס אוועקגעלייגט פאר היימלאזע מענטשן און פאמיליעס וואס זענען אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס. די דעוועלאפּער איז Pathstone Housing Action Corp. דער פראיעקט וועט באקומען $247,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**11.5 מיליאן דאלאר פאר Southridge Landing אין הענריעטא, מאנראו קאונטי.** די דעוועלאפּמענט פאר מענטשן מיט אויסגעמישטע איינקונפט שטאפלען וועט האבן 62 אפּארטמענטס, אריינרעכענענדיג 20 אוועקגעלייגט פאר פאמיליעס וואס זענען אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס, פון Dakota Partners. דער פראיעקט וועט באקומען $341,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

<u>**לאנג איילענד**</u>

**7.5 מיליאן דאלאר פאר Rockville Manor אין ראקוויל סענטער, נעסאו קאונטי.** דער פראיעקט וועט פרעזערווירן און אויסברייטערן אן עקזיסטירנדע ראקוויל סענטער האוזינג אויטאריטעט פאר עלטערע מענטשן פון 50 ביז 56 יוּניטס. די דעוועלאפּמענט טיעם רעכנט אריין D&F Development Group און Rockville Redevelopment Corp. דער פראיעקט וועט באקומען $625,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן צו אריבערפירן די גאנצע געביידע צו עלעקטריציטעט.

**13.2 מיליאן דאלאר פאר Medford Gardens אין ברוּקהעיווען, סופאָלק קאונטי.** Medford Gardens וועט אפפערן 67 אפּארטמענטס פאר ניו יארקער פון 55 און עלטער, אריינרעכענענדיג 33 שטיצנדע יוּניטס. די דעוועלאפּער איז WellLife Network.

<u>**מיטל-הודסאן**</u>

**5.4 מיליאן דאלאר פאר Locust Hill אין ריינבעק, דאָטשעס קאונטי.** Locust Hill וועט אריינרעכענען 80 אפּארטמענטס אריבער פיר ניי-געבויטע געביידעס. די דעוועלאפּער איז Kearney Realty & Development Group, Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $440,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**4.6 מיליאן דאלאר פאר Reservoir Place אין קארמעל, פּאָטנעם קאונטי.** די דעוועלאפּמענט פון פינף געביידעס און 75 יוּניטס וועט געבויט ווערן אויף ליידיגע שטח נעבן דעם Hamlet at Carmel פראיעקט וואס איז יעצט אין קאנסטרוקציע. די קאמפּלעקס ווערט דעוועלאפּט דורך Kearney Realty & Development Group, Inc. און Housing Action Council. דער פראיעקט וועט באקומען $412,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**6.6 מיליאן דאלאר פאר Harmony Hall אין ניו פאלץ, אָלסטער קאונטי.** דער פראיעקט פון 51 יוניטס וועט באדינען ניו יארקער 62 און עלטער. די דעוועלאפערס זענען Rockabill Development, LLC און Affordable Housing Conservancy. דער פראיעקט וועט באקומען $382,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**8.6 מיליאן דאלאר פאר Admiral Halsey Senior Village II אין פוקיפסי, דאָטשעס קאונטי.** די צווייטע פאזע פון Admiral Halsey פון 72 יוניטס וועט געבויט ווערן אויף א ליידיגע שטח נעבן די ערשטע פאזע. האלב פון די אפארטמענטס וועלן דינען עלטערע מענטשן אין נויט פון שטיצנדע סערוויסעס. די דעוועלאפערס זענען Paths Development, LLC און Hudson River Housing.

<u>**מאוהאק וואלי**</u>

**5.8 מיליאן דאלאר פאר האוזינג פאר עלטערע מענטשן אויף די ברעגעס אין ראָום, אניידע קאונטי.** דער פראיעקט וועט פארוואנדלען א היסטארישע, ליידיגע מאטעל צו ווערן א דעוועלאפמענט מיט 47 יוניטס פאר עלטערע מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען. דער פראיעקט ווערט דעוועלאפט דורך די Visiting Nurse Association of Central New York, Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $426,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

<u>**ניו יארק סיטי**</u>

**12.7 מיליאן דאלאר פאר 19-19 Cornaga Avenue אין פאַר ראַקעוועי, קווינס.** די דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע באנוצן וועט האבן 92 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 60 מיט אויפן-ארטיגע שטיצנדע סערוויסעס, און די Joseph P. Addabbo Family Health Center. די דעוועלאפער איז Brisa Builders Development, LLC.

**15.4 מיליאן דאלאר פאר 1546 East New York Avenue אין ברוקלין.** 1546 East New York Avenue וועט האבן 95 אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 57 מיט שטיצנדע סערוויסעס און א עלטעקעיר איינריכטונג. די דעוועלאפער איז Xenolith Partners, LLC און Family Services Network of New York Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $522,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן זיך צו פארשאפן Passive House סערטיפיקאציע.

<u>**צפון קאנטרי**</u>

**13.4 מיליאן דאלאר פאר Apartments at Mill & Main אין וואטערטאון, דזשעפערסאן קאונטי.** די דעוועלאפמענט וועט ברענגען 63 נייע אפארטמענטס אויף א שטח וואס איז יעצט ליידיג אין די שטאט-צענטער פון וואטערטאון, אריינרעכענענדיג 31 אפארטמענטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. די דעוועלאפער איז Neighbors of Watertown, Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $346,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

<u>**סאוטערן טיער**</u>

**14.9 מיליאן דאלאר פאר Hooper Road Apartments אין יוניאן, ברוּם קאונטי.** די דעוועלאפמענט וועט האבן 80 אפארטמענטס אין א פיר-שטאקיגע געביידע, אריינרעכענענדיג 40 יוניטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר עלטערע ניו יארקער אין אכט אפארטמענטס מיט א דין קדימה פאר ליעסעס פאר LGBTQ+ הויזגעזינדער. די דעוועלאפער איז CDS Monarch. דער פראיעקט וועט באקומען $440,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**9.7 מיליאן דאלאר פאר Homesteads on Grand אין דזשאנסאן סיטי, ברוּם קאונטי.** די דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע באנוצן וועט האבן 72 נייע אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 12 יוניטס מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר היימלאזע מענטשן און פאמיליעס און אזוי אויך פלאץ פאר ביזנעס.

Homesteads on Grand ווערט דעוועלאפט דורך די Regan Development Corporation and SEPP, Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $396,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

<u>**מערב ניו יארק**</u>

**7.6 מיליאן דאלאר פאר Playter Gardens at The Market אין די סיטי אָוו באפעלאו.** די דעוועלאפמענט צווישן שטייעדיגע געביידעס וועט האבן 73 אפארטמענטס אריבער עלף געביידעס ביי אויסגעשפרייטע לאקאציעס. איבער האלב פון די אפארטמענטס וועלן אוועקגעלייגט ווערן פאר היימלאזע יונגע ערוואקסענע אין די עלטער פון 18 ביז 25, אריינרעכנענדיג צען אפארטמענטס אוועקגעלייגט פאר יונגווארג וואס וואקסן אויס פאַסטער קעיר. די דעוועלאפער איז Stuart Alexander & Associates, Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $401,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**13.9 מיליאן דאלאר פאר Juniper Apartments אין האמבורג, ערי קאונטי.** Juniper Apartments וועט באשטיין פון 65 אפאָרדעבעל אפארטמענטס, אריינרעכנענדיג 16 אוועקגעלייגט פאר עלטערע ניו יארקער, זיבן פון וועלכע וועלן זיין רעזערווירט פאר שוואכערע עלטערע באפעלקערונגען. די דעוועלאפער איז People Community Housing Development Corporation. דער פראיעקט וועט באקומען $487,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**2.5 מיליאן דאלאר פאר Thankful Gardens אין די סיטי אָוו באפעלאו.** דער פראיעקט וועט אויפבויען צוויי נייע געביידעס און איבערבויען עקזיסטירנדע היים צו שאפן 20 אפארטמענטס, אלע פון וועלכע וועלן האבן שטיצנדע סערוויסעס פאר הויזגעזינדער וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט און דראג באנוץ קראנקהייטן. די דעוועלאפער איז Thankful Community Development Corporation.

**6.9 מיליאן דאלאר פאר Silver Creek Senior Housing אין סילווער קריק, שעטאַקווע קאונטי.** דער פראיעקט רעכנט אריין דאס אראפווארפן א פארחורב'טע סקול און די נייע קאנסטרוקציע פון א האוזינג דעוועלאפמענט מיט 54 יוניטס פאר עלטערע מענטשן. פופצן פון די דעוועלאפמענט'ס אפארטמענטס וועלן אוועקגעלייגט ווערן פאר עלטערע מענטשן וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט. די דעוועלאפערס זענען Park Grove Development, LLC און Southern Tier Environments for Living, Inc. דער פראיעקט וועט באקומען $297,000 אין CEI געלטער צו ארבעטן פאר באזונדערע סערטיפיקאציע ציהלן.

**7.2 מיליאן דאלאר פאר The Nest אין ניאגרא פאָלס, ניאגרא קאונטי.** דער פראיעקט רעכנט אריין דאס אראפווארפן א ליידיגע ביזנעס פלאץ און די נייע קאנסטרוקציע פון 73 אפארטמענטס, אריינרעכנענדיג 18 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר נויטבאדערפטיגע פאמיליעס, און אזוי אויך פלאץ פאר ביזנעס אויף די אונטערשטע שטאק. The Nest ווערט דעוועלאפט דורך Community Services for Every1, Inc. און Edgemere Development. דער פראיעקט וועט באקומען $547,500 אין CEI געלטער צו ארבעטן זיך צו פארשאפן Passive House סערטיפיקאציע.

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדן מענטש א זיכערע און פארזיכערטע פלאץ צו פאררופן א היים. אבער צום באדויער, איז די מציאות נאך צו ווייט פאר פילע מענטשן צו דערגרייכן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר די באדייטנדע אינוועסטירונג אין אפאָרדעבעל האוזינג אריבער דעם פינגער לעיקס ראיאן, אריינרעכנענדיג איבער 40 מיליאן דאלאר אין ראטשעסטער. איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע ארבעט צוזאמען צו זיכער מאכן אז יעדער איינער האט די געלעגנהייט נישט נאר צו איבערלעבן, נאר צו בליהען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן